NEW

# לקוטי שיחות

EIKEV עקב

VOLUME 2, P. 371–375

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# EIKEV I | עקב א

Adapted from a sichah delivered on Shabbos Parshas Eikev, 20 Menachem Av 5716 (1956)

## Introduction

It's an all-too-common feeling. A successful person – whether in business, academics, or even religious studies – looks in the mirror and feels worthless. The world around him seems immense and intimidating, dwarfing his sense of self-esteem. Insecurity overwhelms him from all directions.

Another person experiences numbing inner coldness. Nothing can truly arouse his passion or stir genuine love. His emotional frigidity prevents him from being moved by anything or anyone.

A third finds himself trapped on an endless treadmill of desire. An unfulfilled, insatiable feeling of "I want" – without being able to identify what he actually wants – keeps him chasing pleasure after pleasure. He searches constantly but cannot pause to enjoy that which he already possesses.

Each of these represents a different dimension of exile – distinct expressions of how a person's soul becomes estranged from its true purpose.

In the *sichah* that follows, the Rebbe analyzes our ancestors' wanderings in the desert, which served as the archetypal pattern for our nation's journeys through exile, the "wilderness of the nations."[1] After leaving Egypt, as they proceeded toward *Eretz Yisrael* – their material and spiritual destination – they encountered the external manifestations of these same inner challenges. By examining the difficulties our ancestors confronted on their journeys, the Rebbe shows how the very desert that intimidated them becomes a roadmap for recognizing – and ultimately escaping – the wilderness within our own souls.

1. Cf. *Yechezkel* 20:35.

# The Desert Within: Exile as a State of Mind

## Knowing the Cause, Finding the Cure

**1. This week's Torah portion – *Parshas Eikev* – is one of the seven *Shabbasos* of consolation.** Generally, the *haftaros* of these *Shabbosos* are described as "*haftaros* of consolation." However, **it is not only the *haftaros* that offer consolation,** this is **also** true of **the Torah portions** themselves, for **the general rule is that the *haftaros* are thematically connected to the Torah portion.**[1] **Since this week's *haftarah* speaks about the promise of redemption, we must assume that the Torah portion also concerns redemption.**

**In truth, the entire Torah concerns redemption because "there is no free man other than one who engages in Torah study."**[2] **Through involvement with the Torah, the soul is liberated from the exile of the body and the animal soul, and thereby, the body itself becomes also liberated from exile in the literal sense.**

**However, the Torah as a whole concerns other matters, while** the message of **redemption,** though **present,** operates only as a background theme. **By contrast, in the Torah portions of the seven** weeks **of consolation,** the Torah readings highlight **redemption.**[3]

**We are currently in exile. As such,** since we do not have a sufficient basis to understand what **redemption is, we must first understand what exile**

א. הַיְינְטִיקֶע סֶדְרָה - פַּרְשַׁת עֵקֶב - אִיז אֵיינֶע פוּן דִי שִׁבְעָה דְנֶחָמְתָּא, וָואס נִיט נָאר דִי הַפְטָרוֹת זַיְינֶען אַן עִנְיָן פוּן נֶחָמָה, נָאר אוֹיךְ דִי סֶדְרוֹת. וָוארוּם דִי הַפְטוֹרוֹת זַיְינֶען דָאךְ, בְּרוּבָּם, מֵעֵין הַפַּרְשָׁה. אִיז וִויבַּאלְד אַז דִי הַפְטוֹרָה רֶעדט וֶועגְן דֶער נֶחָמָה פוּן דֶער גְאוּלָה, דַארְף מֶען זָאגְן, אַז אוֹיךְ דִי סֶדְרָה רֶעדט וֶועגְן דֶער גְאוּלָה.

בֶּאֱמֶת רֶעדט גַאנְץ תּוֹרָה וֶועגְן גְאוּלָה, וָוארוּם אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה[א], דוּרְכְן עֵסֶק בַּתּוֹרָה וֶוערְט בַּאפְרַיְיט דִי נְשָׁמָה פוּן דֶעם גָלוּת הַגּוּף וְנֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט בַּאפְרַיְיט אוֹיךְ דֶער גוּף פוּן גָלוּת כִּפְשׁוּטוֹ.

נָאר אִין גַאנְץ תּוֹרָה רֶעדט זִיךְ וֶועגְן אַנְדֶערֶע עִנְיָנִים, אוּן דוּרְךְ זֵיי אִיז פַארַאן דִי גְאוּלָה, אָבֶּער אִין דִי סֶדְרוֹת פוּן שִׁבְעָה דְנֶחָמְתָּא רֶעדט זִיךְ וֶועגְן גְאוּלָה אַלֵיין.

מֶען גֶעפִינְט זִיךְ דָאךְ אִיצְטֶער אִין גָלוּת, אִיז בִּכְדֵי צוּ דֶערְקְלֶערְן דֶעם עִנְיַן הַגְּאוּלָה, גִיט מֶען פְרִיעֶר צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם גָלוּת מִיט דֶער סִיבָּה

1. The Rebbe is implying that since the general rule is that the *haftaros* echo a theme of the Torah reading, even when – as in the case of the *haftaros* of consolation – their recitation was ordained for a different intent ("consolation"), they still have a connection to the Torah reading.

2. *Avos* 6:2.

3. For example, in this Torah reading, the intent is that by contemplating its lessons, we can appreciate the nature of the exile, correct the failings it leads to, and thus hasten the coming of the Ultimate Redemption.

**is and its cause to clarify the concept** of redemption. **When we know the cause of the exile, we will know how to rectify that cause. And when we rectify the cause** of the exile, its **effect** – the exile – **will be rectified automatically and we will reach redemption.**

פון דֶעם גָלוּת, און בְּשַׁעַת מֶען ווייס די סִיבָּה פון דֶעם גָלוּת, ווייס מֶען ווי צוּ מְתַקֵן זַיְין די סִיבָּה, און בְּשַׁעַת מֶען אִיז מְתַקֵן די סִיבָּה ווֶערְט בְּמֵילָא נִתְתַּקֵן אוֹיךְ דֶער מְסוּבָּב, און אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ דֶער גְאוּלָה.

**To illustrate through a physical example:** Consider the state of **a person who is** physically **ill. When he knows that he is sick and also knows the nature of his illness, he will go to a doctor. Knowing that he is sick,** he will consider searching for a cure as an imperative. **And he will know what to tell the doctor, because he knows the nature of his illness. Consequently, the doctor will know what kind of medicine to prescribe for him and, in this way, he will be healed.**

עַל דֶרֶךְ מָשָׁל אַ חוֹלֶה אִין גַשְׁמִיוּת: בְּשַׁעַת עֶר ווייס אַז עֶר אִיז אַ חוֹלֶה און ווייס אוֹיךְ אִין וואָס זַיְין חוֹלָאַת בַּאשְׁטֵייט, ווֶעט עֶר גֵיין צוּ אַ רוֹפֵא, וואָרוּם עֶר ווייס אַז עֶר אִיז אַ חוֹלֶה; עֶר ווֶעט וויסְן וואָס צוּ זָאגְן דֶעם רוֹפֵא, וואָרוּם עֶר ווייס אִין וואָס בַּאשְׁטֵייט זַיְין קְרַאנְקַיְיט, וּבְמֵילָא, ווֶעט דֶער רוֹפֵא וויסְן וואָס פַאר אַ מֶעדִיצִין צוּ גֶעבְּן אִים, און אַזוֹי אַרוּם ווֶעט עֶר אוֹיסְגֶעהֵיילְט ווֶערְן.

**The knowledge that he is sick and what his illness consists of – this knowledge itself is already half the cure. And it will eventually bring about the other half of the cure as well,** enabling him to **become completely healthy.**

די יְדִיעָה וואָס עֶר ווייס אַז עֶר אִיז אַ חוֹלֶה און אִין וואָס זַיְין קְרַאנְקַיְיט בַּאשְׁטֵייט, די יְדִיעָה אַלֵיין - אִיז שׁוֹין אַ הַאלְבֶּע רְפוּאָה, און זי ווֶעט בְּרֶענְגֶען מִיט דֶער צַיְיט אוֹיךְ די אַנְדֶער הַאלְבֶּע רְפוּאָה, אַז עֶר ווֶעט ווֶערְן אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט.

Similarly, **the knowledge** gained by **clarifying what constitutes exile, and what is its cause, is already the beginning of redemption. Once we know what exile is, we will seek to heal** ourselves **and emerge from it,** attaining the state of redemption and entering *Eretz Yisrael*, **"a good and spacious land."**[4]

מִיט דֶער יְדִיעָה וואָס מֶען דֶערְקְלֶערְט דֶעם עִנְיַן הַגָלוּת, און וואָס אִיז זַיְין סִיבָּה, הוֹיבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן די גְאוּלָה, וואָרוּם ווִיסְנְדִיק וואָס דֶער גָלוּת אִיז, זוּכְט מֶען ווי עֶס צוּ הֵיילְן און אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן אֶל אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה.

## Seeing the Past in the Present

**2.** Before **the Jewish people initially entered** *Eretz Yisrael*, **"a good and spacious land," they first passed through a great desert.** Only after **emerging from that desert did they enter *Eretz Yisrael*.**

Our Rabbis[5] teach, **"The deeds of the forefathers are a sign for their descendants." By telling**

ב. בְּשַׁעַת די אִידְן זַיְינֶען אַרַיְינְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה (צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל) זַיְינֶען זֵיי פְרִיעֶר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ גְרוֹיסְן מִדְבָּר, און דַאן זַיְינֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן דֶעם מִדְבָּר און אָנְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים. דָאס וואָס די

4. Cf. *Shmos* 3:8.

5. See *Midrash Tanchuma, Parshas Lech Lecha*, sec. 9; *Ramban, Bereishis* 12:6.

**us about the desert** through **which the Jewish people** journeyed **before they came to** ***Eretz Yisrael,*** **the Torah provides "a sign,"** i.e., direction, **for their descendants. The exile in which we currently find ourselves is comparable to the desert** through **which the Jewish people** passed **at that time. Accordingly, by gaining knowledge about that desert,** we will also **gain knowledge about our present exile** – and, **through this** knowledge, **we will know how to heal it.**

**This week's Torah portion,** read on **one of the seven** *Shabbosos* **of consolation, speaks about the desert, describing it as "the great and awesome desert, [containing] snakes, fiery serpents, scorpions, and parched ground where there is no water."**[6] **All these specific details** describe not only that **desert,** but **also today's exile. As mentioned earlier, knowing these particular details about the exile is a form of consolation, because this knowledge will make us aware of what needs to be healed,** enabling us to **emerge from exile to "a good and spacious land."**

תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז װעגְן דֶעם מִדְבָּר אִין װעלְכְן דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אֵיידֶער זֵיי זַיְינֶען גֶעקוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז דָאס - סִימָן לַבָּנִים, אַז אוֹיךְ דֶער גָלוּת אִין װעלְכְן מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִיצְטֶער, אִיז גְלַיְיךְ צוּם מִדְבָּר אִין װעלְכְן דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶעמָאלְט.

אִיז דִי יְדִיעָה װָאס מִיר װעלְן װיסְן װעגְן דֶעם מִדְבָּר אִין װעלְכְן דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶעמָאלְט, װָאס דָאס אִיז אוֹיךְ אַ יְדִיעָה װעגְן דֶעם גָלוּת אִין װעלְכְן מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ הַיְינְט, דוּרְךְ דֶעם װעלְן מִיר װיסְן װי אַזוֹי דֶעם גָלוּת צוּ הֵיילְן.

אִין הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה, אַלְס אֵיינֶע פוּן דִי שִׁבְעָה דְנֶחָמְתָּא, דֶערְצֵיילְט מֶען װעגְן דֶעם מִדְבָּר. דֶער פָּסוּק בַּאצֵייכְנְט דֶעם מִדְבָּר מִיטְן נָאמֶען "בַּמִּדְבָּר הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב וְצִמָּאוֹן אֲשֶׁר אֵין מָיִם"[ב], דָאס זַיְינֶען אַלְץ פַארְשִׁידֶענֶערְלֵיי פְּרָטִים װעגְן דֶעם מִדְבָּר, אוּן אוֹיךְ װעגְן הַיְינְטִיקְן גָלוּת. װי פְרִיעֶר גֶעזָאגְט, זַיְינֶען דִי פְּרָטֵי הַיְדִיעוֹת װעגְן דֶעם גָלוּת אַ מֵעֵין פוּן נֶחָמָה, װָארוּם דוּרְךְ דֶער יְדִיעָה װעלְן מִיר װיסְן װָאס מֶען דַארְף הֵיילְן, אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת צוּ אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה.

## Our Mindset – the Key to Exile or Redemption

3. **A desert is not** fit for **human habitation;**[7] **it is not a place where people dwell.** Now, the Torah **refers to this desert as "the great desert."** This implies that **the desert, which is** unfit for **human habitation, is larger than the place where people (*bnei adam*, "children of man") live.**

The term ***adam*** **refers to the Jews,** as our Sages[8] teach, **"You are called *adam* ("man")."** As ***Shelah***[9] **explains, *adam* comes from the phrase,**[10]

ג. מִדְבָּר אִיז אַן אָרְט װָאס אִיז נִיט קֵיין מוֹשַׁב אָדָם, נִיט קֵיין יִשּׁוּב פוּן מֶענְטשְׁן. זָאגְט עֶר אוֹיפְן מִדְבָּר: מִדְבָּר הַגָּדוֹל, אַ גְרוֹיסֶער מִדְבָּר. דֶער מָקוֹם הַמִּדְבָּר װָאס אִיז נִיט קֵיין מֶענְטשְׁלֶעכֶער יִשּׁוּב אִיז גְרֶעסֶער פוּן דֶעם אָרְט פוּן יִשּׁוּב בְּנֵי אָדָם.

אָדָם גֵייט אוֹיף אִידְן. אַתֶּם קְרוּיִים אָדָם. װי דֶער שְׁלָ"ה אִיז מְבַאֵר[ג] אָדָם מִלָּשׁוֹן

6. *Devarim* 8:15.

7. See *Yirmeyahu* 2:6.

8. *Bava Metzia* 114b.

9. *Shelah, Cheilek Torah Shebichsav, Parshas Veyeishev,* the end of the *derush* entitled *Tzon Yosef, et al; Asarah Maamaros, maamar Eim Kol Chai,* part 2, ch. 33, *et al.*

10. *Yeshayahu* 14:14.

*Edamah l'Elyon* meaning, "**I resemble the One above**"; **the Jews resemble the supernal man,** "the man **upon the throne.**"[11]

**"The great desert," which is** unfit for *bnei adam* **to live is greater than the place where people live.** When used in reference to the exile, the intent is that the place where Jews live is smaller than that where non-Jews live, **as implied by the verse,**[12] **"For you are the fewest of all peoples." The Jews are the smallest of all nations. Similarly, among the Jews themselves, those Jews who properly observe the Torah and its *mitzvos* are – for now – not yet the majority.**

**The first word with which the Torah describes the exile, the "desert," is "great." The first cause – and the first step of the descent, the one with which the exile begins – is that** a Jew **considers the surrounding world greater than himself. He considers the settled land** – metaphorically, Jews and **Judaism – as small and the surrounding world, "the desert of the nations,"**[13] **as "great," larger than the Jews.**

**In truth, nothing in the world can have any dominion over the Jews. On the contrary,** when they are connected to G-d, **everything is subordinate to them, as the *haftarah* read this week states,**[14] **"Kings shall be your foster fathers, and their princesses your nursing mothers." And as the Talmud**[15] **comments on the verse,**[16] **"All the peoples of the earth shall see** that the name of G-d is called upon you **and they will fear you" – "These are the *tefillin*** [worn on] **the head."** When a Jew wears *tefillin,* which contains the verse,[17] ***Shema Yisrael*** – **"Hear Israel, G-d is our L-rd, G-d is one" – on his head,** implying that **his mind is encompassed with the knowledge that G-d is the sole Master of the**

אֶדַּמֶּה לְעֶלְיוֹן. אִידְן זַיְינֶען גֶעגְלִיכְן צוּם אָדָם הָעֶלְיוֹן שֶׁעַל הַכִּסֵּא.

מִדְבָּר הַגָּדוֹל, דֶער אָרְט וָואס אִיז נִיט קֵיין מוֹשַׁב בְּנֵי אָדָם אִיז גְרֶעסֶער ווי דֶער אָרְט פוּן יִשּׁוּב אָדָם. ווִי עֶר זָאגְט אִין פָּסוּק[ז]: כִּי אַתֶּם הַמְעַט מִכָּל הָעַמִּים, אִידְן זַיְינֶען אַ מִינְדֶערְהַיְיט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אִידְן גוּפָא, זַיְינֶען דִי אִידְן ווֶעלְכֶע הִיטְן אָפּ תּוֹרָה וּמִצְווֹת ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיְין - לְעֵת עַתָּה וּלְפִי שָׁעָה - נָאךְ נִיט דֶער רוֹב.

דֶער עֶרְשְׁטֶער ווָארְט מִיט ווֶעלְכְן דֶער פָּסוּק בַּאצֵייכְנְט דֶעם גָלוּת אִיז - מִדְבָּר הַגָּדוֹל. דִי עֶרְשְׁטֶע סִיבָּה אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפּ פוּן דֶער יְרִידָה, פוּן ווֶעלְכֶער עֶס פַאנְגְט זִיךְ אָן דֶער גָלוּת, אִיז דָאס ווָאס מֶען הַאלְט דִי אַרוּמִיקֶע ווֶעלְט גְרֶעסֶער פוּן זִיךְ. מֶען הַאלְט דֶעם יִשּׁוּב - אִידְן אוּן אִידִישְׁקַיְיט - פַאר אַ קְלֵיינֶעם אָרְט, אוּן דִי אַרוּמִיקֶע ווֶעלְט, דֶעם מִדְבַּר הָעַמִּים, פַאר אַ גְרוֹיסְן אָרְט, אַ גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן אִידְן.

בֶּאֱמֶת קֶען קֵיין זַאךְ אִין דֶער ווֶעלְט נִיט הָאבְּן קֵיין שְׁלִיטָה אִיבֶּער אִידְן. אַדְּרַבָּה, אַלֶע זַיְינֶען בָּטֵל צוּ אִידְן, ווִי עֶר זָאגְט אִין הַיְינְטִיקֶער הַפְטָרָה, וְהָיוּ מְלָכִים אוֹמְנַיִךְ וְשָׂרוֹתֵיהֶם מֵינִיקוֹתַיִךְ. אוּן ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט[ח] אוֹיפְן פָּסוּק[ט] וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ גו' וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ, אֵלּוּ תְּפִילִּין שֶׁבְּרֹאשׁ. בְּשַׁעַת אַז אוֹיפְן קָאפּ אִיז בַּיי אִים פַארַאן דֶער שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הֲוָיָ' אֱלֹקֵינוּ הֲוָיָ' אֶחָד, אוּן זַיְין שֵׂכֶל אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דֶעם ווִיסְן, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער אֵיינְצִיקֶער בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דֶער

11. See *Yechezkel* 1:26. The phrase is quoted in manifold Kabbalistic texts and is interpreted as referring to the ten *sefiros* of *Atzilus.*

**12. *Devarim* 7:7.**

13. Cf. *Yechezkel* 20:35.

14. *Yeshayahu* 49:23.

**15. *Berachos* 6a.**

**16. *Devarim* 28:10.**

17. Ibid. 6:4.

**entire world,** it affects the people around him, as it is written, **"All the peoples of the earth shall see… and they will fear you." All** will feel **subordinate to him.**

**However, when** instead a Jew **makes a calculation** and sees the world as **"the great desert," he endows the world with importance, viewing it as great and himself as small. Consequently, he asks the question, "Who will raise up Yaakov, for he is small?"**[18]

Asking that very **question** implies that the Jew **gives the world** a sense of **importance, creating** a state of **exile within himself.** He feels that G-d is **concealed and hidden, that the world can have mastery over him. This is the beginning of the exile. But,** by contrast, **when he remembers that "You have chosen us from all the peoples... and You have exalted us,"**[19] **then, he is not disconcerted by anyone. He is conscious that, when** connected to G-d, the Jews are on a different and **loftier** level **than others.** When he realizes this, **he is not in exile.** He sees that **G-d provides him with his livelihood.** Therefore, **he can conduct his business affairs according to the ways of the Torah, with** ample **time remaining** to maintain his **fixed times for Torah** study.

גַאנְצֶער וועֶלְט, דֶעמָאלְט אִיז וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ, אַלֶע זַיְינֶען בָּטֵל פַאר אִים.

אָבֶּער בְּשַׁעַת עֶר מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן - מִדְבָּר הַגָּדוֹל, עֶר גִיט אַ חֲשִׁיבוּת דֶער וועֶלְט, עֶר טַעֲנֶה'ט אַז דִי וועֶלְט אִיז גָדוֹל אוּן עֶר אִיז קָטָן, וּבְמֵילָא, פְּרֶעגְט עֶר דִי שְׁאֵלָה, מִי יָקוּם יַעֲקֹב כִּי קָטֹן הוּא.

דִי שְׁאֵלָה גוּפָא, דֶער גֶעבְּן חֲשִׁיבוּת צוּ דֶער וועֶלְט, דָאס מַאכְט בַּיי אִים אוֹיף אַ גָלוּת, אַ הֶעְלֵם וְהֶסְתֵּר, אַז דִי וועֶלְט קֶען הָאבְּן אַ בַּעַל־הַבַּיִת'ישְׁקַיְיט אִיבֶּער אִים. דָאס אִיז הַתְחָלַת הַגָּלוּת.

אָבֶּער ווֶען עֶר גֶעדֶענְקְט, אַז אַתָּה בְחַרְתָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים כו׳ וְרוֹמַמְתָּנוּ, ווֶערְט עֶר פַאר קֵיינֶעם נִיט נִתְפָּעֵל, ווִיסְנְדִיק אַז אִידְן זַיְינֶען הֶעכֶער פוּן אַלֶעמֶען, אוּן דֶעמָאלְט אִיז נִיטָא קֵיין גָלוּת בַּיי אִים. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גִיט אִים פַּרְנָסָה, עֶר קֶען אָנְפִירְן זַיְין גֶעשֶׁעפְט עַל פִּי דַרְכֵי הַתּוֹרָה, אוּן עֶס בְּלַיְיבְּט בַּיי אִים צַיְיט אוֹיף קְבִיעוּת עִתִּים לַתּוֹרָה.

## Intruding into One's Safe Space

**4. Considering the world as "a great desert" can lead the Jew to a further descent – not only** does he view **the desert** as **"great,"** he **also** sees it as **"awesome."**

**"Great" implies that the other is greater than himself, but** it does not cancel out his own identity. Although **he is smaller,** fundamentally, **he** remains **an entity in his own right.** But seeing the

ד. פוּן דֶעם וואָס עֶר נֶעמְט אָן דִי וועֶלְט פַאר מִדְבָּר גָדוֹל, קֶען קוּמֶען צוּ אַ ווַיְיטֶערְדִיקֶער יְרִידָה, נִיט נָאר מִדְבָּר גָדוֹל נָאר אוֹיךְ וְהַנּוֹרָא.

גָדוֹל מֵיינְט, אַז יֶענֶער אִיז גְרֶעסֶער פוּן אִים, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אַ מְצִיאוּת בִּפְנֵי עַצְמוֹ פוּן אַ מִיעוּט לְכָל הַפָּחוֹת אִיז עֶר אוֹיךְ. אָבֶּער נוֹרָא

---

18. *Amos* 7:2, 5.

19. The liturgy of the *Shemoneh Esreh* recited on festivals.

other as **"awesome" means that he fears him; then, he regards the other as having dominion and power over him.**

The difference between these two conceptions determines the extent to which a Jew is affected by the world around him. **When he considers the world no more than "a great desert,"** there is a line of demarcation. **Only when he comes into contact with the world and its affairs is he impressed** and affected **by it because he recognizes its vastness. However,** its effect on him is not all-encompassing; **when he is in his own** space,[20] **he holds strong** in his Jewish observance.

**However, when he sees the desert of the world** not only as **"great,"** but as **"awesome," then even when he finds himself in his** own private space **– in a synagogue, a *yeshivah*, or at home – even then he is in awe of the world. He is afraid to fulfill his Torah and *mitzvos* openly, trembling lest it become** public **knowledge.** He continually asks himself, **"What will the nations"** – i.e., his non-Jewish neighbors and associates – **"say?"**

מֵיינְט, אַז עֶר הָאט מוֹרָא פַאר יֶענֶעם, ווַיְיל עֶר רֶעכֶנְט אַז יֶענֶער הָאט אַ שְׁלִיטָה אוּן אַ מַאכְט אִיבֶּער אִים.

בְּשַׁעַת עֶר אִיז מַחְשִׁיב דִי ווֶעלְט בְּלוֹיז אַלְס מִדְבָּר גָּדוֹל, אִיז נָאר ווֶען עֶר קוּמְט אִין בַּארִירוּנְג מִיט ווֶעלְט אוּן אִירֶע עִנְיָנִים ווֶערְט עֶר נִתְפָּעֵל פַאר אִיר, ווַיְיל עֶר אַנֶערְקֶענְט אִיר גְרוֹיסְקַיְיט, אָבֶּער ווֶען עֶר אִיז אִין זַיְינֶע ד' אַמּוֹת, הַאלְט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק.

אָבֶּער בְּשַׁעַת עֶר דֶענְקְט, אַז דִי ווֶעלְט אִיז אַ מִדְבָּר גָּדוֹל וְנוֹרָא, אִיז אֲפִילוּ ווֶען עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיְינֶע ד' אַמּוֹת, עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין שׁוּל, אִין יְשִׁיבָה אָדֶער בַּיי זִיךְ אִין דֶערְהֵיים, אוֹיךְ דֶעמָאלְט הָאט עֶר מוֹרָא פַאר ווֶעלְט, עֶר הָאט מוֹרָא מְקַיֵּים זַיְין תּוֹרָה וּמִצְוֹת בְּגָלוּי, עֶר צִיטֶערְט, טָאמֶער ווֶעט דִי ווֶעלְט זִיךְ דֶערְווִיסְן דֶערְפוּן, וּמַה יֹּאמְרוּ הַגּוֹיִם?

## Heat, Cold, and Emptiness

**5.** Each of the other terms the Torah uses to describe the desert – **"snakes,** fiery serpents, scorpions, and parched ground where there is no water" – represent **further stages of** challenge and **descent.**

The challenge posed by a snake can be understood based on the **statement of *Erchei HaKinuyim***[21] **that a snake's poison is hot. This means that** the person **begins to burn with the passion and heat of worldly** desires. **This passion for worldly** desires **diminishes his passion for holiness.**

**This can lead to an even greater descent – a "fiery**

ה. פוּן דֶעם קֶען קוּמֶען צוּ אַ ווַיְיטֶערְדִיקֶער יְרִידָה - נָחָשׁ.

אִין סֵפֶר עֶרְכֵי הַכִּינּוּיִים' בְּרֶענְגְט עֶר אַז נָחָשׁ אֶרְסוֹ חַם. דֶער גִיפְט פוּן אַ נָחָשׁ אִיז אַ הֵייסֶער. דָאס מֵיינְט, אַז עֶר הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ קָאכְן אִין דֶעם קָאךְ אוּן הִיץ פוּן ווֶעלְט. אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט אַ קָאךְ אִין ווֶעלְט, פַארְמִינֶערְט דָאס בַּיי אִים דֶעם קָאךְ אִין קְדוּשָּׁה.

דֶערְפוּן קֶען קוּמֶען צוּ נָאךְ אַ

20. The Rebbe uses the Talmudic expression *dalet amos,* "four cubits," which our Sages interpret as referring to a person's private space.

21. *Erchei HaKinuyim,* **composed by the author of *Seder HaDoros, maareches nachash.*** Mentioning the author's well-known work differentiates this text from other works with the same title but which were written by different authors.

**serpent." The passion for worldly** desires and pleasures burns **so powerfully in him that not only does it diminish his passion for holiness, it completely extinguishes it.**

**Afterwards, can come an even greater state of descent, that of a scorpion.** *Erchei Ha-Kinuyim*[21] **explains that a scorpion's poison is cold. This represents an even lower** spiritual state **than a snake and a fiery serpent. When someone feels excitement and warmth – even though it is directed toward worldly things** – he still possesses **vitality. Therefore, this energy can be redirected toward holiness. Coldness,** frigidity, **by contrast, indicates the opposite of life** itself, **making it much more harmful. To cite a parallel,** in a certain way, the frigid stubbornness of **a goat**[22] **is** a more difficult trait to eradicate than the violent tendency of **a goring ox.**[23]

**This can lead to an even greater descent – "parched ground where there is no water." Even when** there are attempts **from Above to awaken such a person – e.g., through echoes** resounding in the spiritual realms **and other** heavenly forms of arousal, **as explained in** ***Chassidus***[24] **– and a spiritual thirst**[24] **stirs within him, there is still "no water." Water represents the Torah;** the person feels **thirsty but doesn't understand or sense what he is thirsting for. He has become so** spiritually **distant that he has lost all connection to holiness and has no awareness of its existence.**

**What is the starting point for all these** stages of descent? Perceiving one's surrounding environment as **"the great desert." Considering**

גְרֶעסֶערֶער יְרִידָה - שָׂרָף.

דֶער קָאךְ אִין וֶועלְט וֶוערְט בַּיי אִים אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז נִיט נָאר וָואס דָאס אִיז מְמַעֵט דֶעם קָאךְ אִין קְדוּשָּׁה, נָאר עֶס פַארְבְּרֶענְט אִינְגַאנְצְן דֶעם קָאךְ פוּן קְדוּשָּׁה.

פוּן דֶעם קֶען קוּמֶען צוּ נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶער יְרִידָה - עַקְרָב.

וֶועגְן עַקְרָב, בְּרֶענְגְט עֶר אִין עֶרְכֵי הַכִּינּוּיִים[ח], אַז אַרְסוֹ אִיז - קַר. דֶער גִיפְט פוּן אַן עַקְרָב אִיז קַאלְט.

דָאס אִיז עֶרְגֶער פוּן נָחָשׁ אוּן שָׂרָף. וָוארוּם בְּשַׁעַת עֶר הָאט אַ קָאךְ אוּן אַ הִיץ, הֲגַם דָאס אִיז בַּיי אִים אִין וֶועלְטִישֶׁע זַאכְן, אָבֶער דָאס אִיז אַ בַּאווַייז אוֹיף לֶעבֶּעדִיקַייט. בְּמֵילָא קֶען מֶען דָאס אוּמְבַּייטְן אוֹיף אַ חַיּוּת אוּן אַ קָאךְ אִין קְדוּשָּׁה. אָבֶער וֶוען עֶר אִיז קַאלְט, וָואס דָאס אִיז אַ סִימָן אוֹיף הֵיפֶּךְ פוּן לֶעבְן, אִיז דָאס פִיל עֶרְגֶער. וְעַל דֶרֶךְ הַגֵּרָעוֹן דְּעֵז לְגַבֵּי שׁוֹר נַגָּח[ט].

פוּן דֶעם קֶען קוּמֶען צוּ נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶער יְרִידָה - צִמָּאוֹן אֲשֶׁר אֵין מָיִם. אֲפִילוּ וֶוען מִלְמַעְלָה אִיז מֶען אִים מְעוֹרֵר, דוּרְךְ דֶעם בַּת קוֹל וְכַדוֹמֶה, ווִי דֶערְקְלֶערְט אִין חֲסִידוּת, אוּן עֶס וֶוערְט בַּיי אִים אַ צִמָּאוֹן, אִיז אוֹיךְ דֶעמָאלְט אֵין מָיִם. מַיִם זוֹ תּוֹרָה', עֶר ווֵייס נִיט צוּ וָואס דֶער צִמָּאוֹן אִיז, עֶר אִיז דָארְשְׁטִיק אוּן פִילְט נִיט אוּן ווֵייס נִיט צוּ וָואס, ווַיְיל עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי ווַיְיט אַז עֶר הָאט נִיט קֵיין שַׁיְיכוּת אוּן ווֵייס נִיט פוּן דֶער גַאנְצֶער מְצִיאוּת פוּן קְדוּשָּׁה.

פוּן וָואס הוֹיבְּט זִיךְ דָאס אַלְץ אָן?

פוּן דֶעם מִדְבָּר הַגָּדוֹל, דָאס וָואס מֶען

---

22. **See** ***Kuntreis HaTefilah,*** **ch. 8.** In that source, the Rebbe Rashab focuses on the counterparts to these traits in man's animal soul.

23. ***Bava Kama*** **17a using** slightly **different wording (note the sources mentioned there).**

24. *Likkutei Torah, Devarim*, pp. 36d, 71d; the series of *maamarim* entitled *Yom Tov shel Rosh HaShanah, 5666,* p. 121.

25. *Tzima'on,* "thirst," was translated as "parched ground" in the verse from *Devarim* that is being discussed.

**the desert** – the prevailing norms of **the world – as** "great," **important and significant, is the first step that leads to all the descents until** the final descent, **"parched ground where there is no water."**

**From this it is understood that to rectify all these descents, the person must rectify their initial cause,** eradicating his feelings of inadequacy by **strengthening** his commitment to and practice of **Judaism, remembering that "You have chosen us from all peoples and exalted us."**[20]

**This releases him from exile and enables him to proceed to "a good and spacious land," led by** ***Mashiach;*** may this occur **speedily in our days.**

אִיז מַחֲשִׁיב, מֶען מַאכְט וִויכְטִיק, דֶעם מִדְבָּר - דִי וֶועלְט, דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפּ צוּ אַלֶע יְרִידוֹת בִּיז צוּם: וְצִמָּאוֹן אֲשֶׁר אֵין מָיִם.

דֶערְפוּן אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז אוֹיף מְתַקֵּן זַיְין דִי אַלֶע יְרִידוֹת, דַארְף מֶען מְתַקֵּן זַיְין דִי עֶרְשְׁטֶע סִיבָּה: הָאבְּן אַ שְׁטַארְקַיְיט אִין אִידִישְׁקַיְיט, גֶעדֶענְקֶענְדִיק אַז אַתָּה בְחַרְתָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְרוֹמַמְתָּנוּ.

אוּן דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן גָלוּת אוּן מֶען גֵייט אֶל אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

## Redirecting Fire; the Need to Melt Ice

**6. With this in mind, we can understand the Talmud's statement**[26] that if, a person realizes **that "a snake is wound around his heel** [while in the midst of the *Shemoneh Esreh* prayer], **he should not stop, [but] if a scorpion is wound around his heel, he should stop."**

**When someone is in the middle of praying and suddenly, a fiery** desire **for worldly** pleasures **takes hold of him** – that being the figurative meaning of **"a snake wound around his heel" – this is certainly not desirable. Nevertheless, "he should not stop." He should not interrupt his prayer but continue to pray. Ultimately, since he possesses vitality, he** has the potential to **transform this vitality and** direct his **passion toward holiness.**

When, by contrast, **"a scorpion is wound around his heel,"** i.e., **frigidity takes hold of him while he is praying,** he must take a different tack. True, **the scorpion whose poison is cold is only "wound around his heel" – its coldness has only gripped his heel, not his mind and heart. Nev-**

ו. דֶערְמִיט וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי גְמָרָא[י״א]: נָחָשׁ כָּרוּךְ עַל עֲקֵבוֹ לֹא יַפְסִיק, עַקְרָב כָּרוּךְ עַל עֲקֵבוֹ יַפְסִיק.

וֶוען עֶר הַאלְט אִין מִיטְן דַאווְנֶען אוּן מִיטְאַמָאל נֶעמְט אִים אָן אַ הִיץ פוּן וֶועלְט, נָחָשׁ כָּרוּךְ עַל עֲקֵבוֹ, הֲגַם עֶס טוֹיג טַאקֶע נִיט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן לֹא יַפְסִיק, עֶר זָאל נִיט מַפְסִיק זַיְין פוּן דַאווְנֶען, עֶר זָאל דַאווְנֶען וַוְיְיטֶער. סוֹף כָּל סוֹף וִויבַּאלְד עֶר הָאט אִין זִיךְ חַיּוּת, וֶועט עֶר דֶעם חַיּוּת אוּן קָאךְ מְהַפֵּךְ זַיְין צוּ קְדוּשָּׁה.

עַקְרָב כָּרוּךְ עַל עֲקֵבוֹ, עֶר הַאלְט אִין מִיטְן דַאווְנֶען אוּן עֶס כַאפְּט אִים אָן אַ קֶעלְט, הֲגַם דָאס אִיז נָאר כָּרוּךְ עַל עֲקֵבוֹ, דֶער עַקְרָב וָואס אֶרְסוֹ קַר, דִי קֶעלְט הָאט אִים נִיט אָנְגֶעכַאפְּט אִין

26. *Berachos* 30b. See also *Tikkunei Zohar, Tikkun* 18.

**ertheless,** this is significant enough that **"he should stop" his prayer. The fact that frigidity, a lack of vitality, can take hold of him while he is praying is proof that his entire pattern of Divine service is not as it should be. Therefore,** reorientation is necessary; **he should stop this manner of service and start a new approach,** beginning with **serving** G-d **with lively energy.** He can gain such vitality **through studying** ***pnimiyus haTorah,*** **the inner, mystic dimension of the Torah, which is "the tree of life."**[27]

מוֹחַ וְלֵב, מֶערְנִיט ווי אִין דִי עִקְבַיִּים, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן יַפְסִיק מִתְּפִלָּתוֹ. וָוארוּם אוֹיבּ אִין מִיטְן דַאווְנֶען קֶען אִים אָנְכַאפְּן אַ קְרִירוּת, הֶעְדֵר הַחַיּוּת, אִיז אַ רַאְיָה אַז זַיְין גַאנְצֶער סֵדֶר הָעֲבוֹדָה אִיז נִיט כִּדְבָעֵי, דֶערְפַאר זָאל עֶר מַפְסִיק זַיְין פוּן דֶעם סֵדֶר עֲבוֹדָה אוּן נֶעמֶען זִיךְ צוּ אַ נַיְיעֶם סֵדֶר אִין עֲבוֹדָה, אַן עֲבוֹדָה מִיט חַיּוּת אוּן מִיט אַ לֶעבֶּעדִיקַיְיט וָואס דָאס קוּמְט דוּרְךְ לִימּוּד פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, וָואס אִיז אִילָנָא דְחַיָּיא.

(משיחת ש"פ עקב, כ' מנ"א, תשט"ז)

27. *Zohar,* Vol. I, 26b-27a; *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 26, *et al.*

א) אבות פרק ו משנה ב.
ב) דברים ח, טו.
ג) חלק תורה שבכתב וישב סוף הדרוש צאן יוסף ובכמה מקומות. גם בספר עשרה מאמרות מאמר אם כל חי חלק ב׳ פרק לג ועוד.
ד) דברים ז, ז.
ה) ברכות ו, א.
ו) דברים כח, יו"ד.
ז) לבעל המחבר ספר סדר הדורות מערכת נחש.
ח) דאָרט.
ט) זע קונטרס התפלה פרק ח.
י) בבא קמא יז, א ושם נסמן (בשינוי לשון).
יא) ברכות ל, ב. און זע תיקוני זהר תיקון יח.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

SIE